ב״ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

י׳ סיון תשס״ה

פרשת בהעלותך

טייערע קינדער שלוחים,

דעם הייליקן יום טוב פון שבועות איז אריבער, און עס זיינען צוגעקומען 13 אונז אסאך ענינים אין קדושה. יעצט, די טעג נאך שבועות, זיינען טעג 13 באווייזן אז מיר היטן די החלטות וואס מיר האבן אנגענומען ווען מיר האבן געהערט די עשרת הדברות און געטראכט "נעשה ונשמע" מיר וועלן היטן די הייליקע תורה.

יעצט גייען מיר אריין אין די זומערדיקע טעג מיט נייע, פרישע כחות פאר אונזערע עבודה פון אהבת ישראל, און פון לערנען תורה. לאמיר בעטן ביים אויבערשטן פאר "א געזונטע זומער בגשמיות וברוחניות" (ווי די רייד פון דער פריערדיקע רבי), און בעיקר אז מיר זאלן זיין דעם זומער אין ירושלים מיט משיח!!

אײדלה װעכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת בהעלותך

**ותקעתם בחצוצרות**

**וביום שמחתכם ובמועדיכם גו׳ ותקעתם בחצוצרות:**

אין א טאג פון שמחה און א טאג פון יום טוב דארף מען בלאזן מיט חצוצרות.

דער אינהאלט פון דער מצוה איז:

פון יעדן יום טוב נעמט מען שמחה און יום–טוב׳דיקייט אויף די אלע טעג וועלכע זיינען אין צווישן די ימים טובים. און דעריבער איז דער אנזאג פון "ותקעתם בחצוצרות" - מ׳בלאזט א מארש, מיט א חצוצרה, וואס דורך דערויף נעמט מען אויף זיך דער אויבערשטן אלס א מלך מיט שמחה,

און דורך דעם איז מען מנצח, מ׳באזיגט אלע שוועריקייטן, אויך די שוועריקייטן וואס קומען פון דעם יצר (וואס דאס איז אויך דער ענין פון א "חצוצרה").

דער אויבערשטער זאל געבן אז מען זאל בקרוב ממש זוכה זיין אז דאס אליץ וועט מקויים ווערן, אז יעדערער פון אונז וועט דערזען דעם **"שמחת עולם על ראשם"**, און מ׳וועט מקיים זיין (אויך) כפשוטו "ותקעתם בחצוצרות גו׳ אני ה׳ אלקיכם": מען נעמט אויף בשלימות די מלכות (כסא–שלם) של הקב״ה, דעם אויבערשטן אלס א קעניג און אלס אן אנפירער,

במהרה בימינו ממש, גאר אינגיכן, צוזאמען מיט משיח צדקנו, אין ארץ הקודש, און דארטן - אין ירושלים עיר הקודש, און דארטן - אין דעם בית המקדש, במהרה בימינו ממש.

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער - שיחת י״ג סיון תש״מ)*



## משיח נאו!

*פון א בריוו פון דער פריערדיקע רבי, געדרוקט אין אנהויב פון דעם "היום יום"*

"אין דער איצטיגער צייט פון הרת עולם, וואס די גאנצע וועלט טרייסעלט זיך פון די חבלי משיח, וואס השי״ת האט אנגעצונדען די גלות וועגט...איז די פליכט פון יעדען אידן, מאן און פרוי, אלט און יונג, צו שטעלן זיך די פראגע: וואס האב איך געטאן און וואס טו איך אום צו פארלייכטערן די חבלי משיח און זוכה צו זיין צו דער גאולה שלמה דורך משיח צדקנו?"

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



# דעם חסידישן לוח

## די טעג נאך שבועות

### ימי תשלומין

די זיבן טעג וואס קומען נאך שבועות ווערן אנגערופן "ימי תשלומין", וואס מיינט, אז אין די טעג קען מען פאריכטן דאס וואס מ'האט פארפעלט צו טאן אין די טעג פון "זמן מתן תורתנו".

"תשלומין" האט אויך דעם אפטייטש פון "שלימות" (פולקאמענהייט, גאנצקייט), אז ניט נאר קען מען פאריכטן וואס מ'האט פארפעלט, נאר מען קען צוגעבן נאך מער חיות און שטארקייט אין די אלע גוטע באשלוסען וואס מ'האט שוין אנגענומען אין חג השבועות,

אנהויבנדיק צו מוסיף זיין אין לימוד התורה, וואס דאס איז דער הויפט ענין פון "זמן מתן תורתנו", און דערנאך, אז דער לערנען זאל ווירקן אויף דער גאנצער אויפפירונג - לימוד מביא לידי מעשה - אז זי זאל זיין לויט די אנווייזונגען פון תורה, במשך דעם גאנצן יאר.

די תורה האט באשטימט זיבן טעג פון תשלומין - און דער טעם אויף דעם:

אין זיבן טעג איז דאך פאראן יעדער טאג פון וואך, סיי א זונטיק סיי א מאנטיק וכו', ביז - א שבת: וואס יעדערער פון די טעג איז דאך אנדערש פון די אנדערע טעג, ווי יעדער קינד און יעדער ערוואקסענער פארשטייט פון זיך אליין, אז ער האט זאכן וועלכע זיינען ביי אים פארבונדן מיט שבת, און זאכן וועלכע זיינען ביי אים פארבונדן מיט ערב שבת אדער מיט מארגן נאך שבת, און אזוי אויך בנוגע צו די איבעריקע טעג פון דער וואך.

און דעריבער גיט מען זיבן טעג נאך מתן תורתנו, אלס "ימי תשלומין":

תורה איז דאך די הויפט–זאך פון יעדן אידן'ס לעבן, "הם חיינו ואורך ימינו", און במשך די זיבן טעג פרובירט מען די הנהגה פון א אידן ווי אזוי שטייען די טעג - אין צוזאמענהאנג מיט דער הויפט–זאך פון יעדן אידן'ס לעבן, מיט דער תורה: דאס הייסט - ווי האט ער געלערנט תורה און מקיים געווען וואס אין איר איז געשריבן, אין יעדער טאג פון דער וואך.

און ווען מען זעט אז אין יעדער טאג פון דער וואך זיינט זמן מתן תורתנו, איז מען געווען פארבונדן מיט תורה, און געטאן וואס עס הענגט אפ אין זיך אויף צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין תורה -

גיט דאס די זיכערקייט, אז אזוי וועט מען זיך אויפפירן אין די אלע זאכן וועלכע קומען דערנאך, אין דעם יאר, און אויך אין די יארן וועלכע קומען נאך דעם.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחות י"ג סיון תש"מ, י"א סיון תשמ"ג)*



# דערציילט מיר א מעשה

א פאר מינוט נאך שבת, האט די טעלעפאן געקלונגען אין שטוב פון הרב גראנער. עס איז געווען אן עלטערע חסיד אויפן ליין. זיין ווייב איז געווען זייער ניט געזונט און ער האט געוואלט א ברכה פון דער רבי.

הרב גראנער האט אים געזאגט אז ער וויל אים זייער העלפן, אבער ער ווייסט ער אז עס איז זייער שווער און אפשר אוממעגליך צו רעדן מיט דער רבי מוצאי שבת, אבער ער וועט פרואוון זונטיק צופרי.

ווי ער האט געזאגט, האט הרב גראנער נאר גערעדט מיט דער רבי זונטיק צופרי.

דער רבי האט געבעטן רעדן מיט הרב חאדאקאוו.

דער רבי האט געבעטן הרב חאדאקאוו אפרופען דעם חסיד און זאגן אים עפעס.

שפעטער האט דער חסיד אפגערופען הרב גראנער און האט אים דערציילט די גאנצע מעשה.

דער חסיד האט דערציילט אז זיין ווייב האט שוין א פאר טעג זייער ניט גוט געפילט. פרייטיק ביינאכט איז איר מצב געווארן אזוי געפערלאך, אז די דאקטוירים האבן פארלוירן האפענונג. שבת צופרי האט זי פלוצלונג אנגעהויבן פילן אסאך בעסער. גלייך ווי שבת איז ארויס האט ער געוואלט בעטן א ברכה פון דער רבי אז איר געזונט זאל נאר ווערן בעסער. דערווייל איז זי געווארן נאך בעסער און בעסער.

דערנאך האט אים הרב חאדאקאוו גערופען. ער האט געזאגט אז דער רבי האט אים געבעטן איבערגעבן אז דער רבי ווייסט אז זיין ווייב האט אנגעהויבן פילן בעסער 5:00 צופרי. דער רבי האט געהייסן זאגן אז אויב דער חסיד האט געמיינט אז עס איז צוליב אנדערע זאכן, זאל ער וויסן אז דאס איז צוליב דעם וואס איינער – דער רבי – האט געטראכט וועגן איר אין יענע צייט!

*ווען א חסיד האט שוועריקייטן, איז אפילו פאר ער שרייט אויס צום רבין, טראכט דער רבי אויף אים, און איז פועל ישועות!!*



## פרקי אבות
## פרק ראשון

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס״ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך, ט״ו סיון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)

# שאלות—פרשת בהעלותך

א. פרשת בהעלתך רעדט וועגן אנצינדן ליכט, וואו (קוק אריין אין חומש)?___

______________________________

ב. ווער האט אנגעצונדן די ליכט? ______________________

ג. וואס צינדן מיר אן היינט אזוי ווי די ליכט? ______________________

ד. וועלכע אנדערע זאך רעדט זיך אין אונזער פרשה? (ווען לעבן מיט דער צייט) ______________________

ה. ווען האבן אידן דאס געבלאזן? ______________________

ו. פארוואס? ______________________

ז. וואס איז דער ענין פון די טעג נאך שבועות? ______________________

ח. וואס דארפן מיר טאן צוליב דעם? ______________________

ט. וואס האט דער פריערדיקע רבי געזאגט אז יעדער מוז זיך פרעגן? ______

______________________________

י. וואס קענסטו טאן צוליב דעם? ______________________

נאמען: ______________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ______________________

אי-מייעל: ______________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org